# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:12
מוצאי שב"ק.....................6:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............שמואל-א כ"ב-כ"ג
בבלי.......................סנהדרין ס'
ירושלמי..............מגילה כ"ט
תוספתא.................פסחים ב'
רמב"ם.שאר אבות הטומאה ט"ז

פרשת יתרו, י"ז שבט, הילולת כ"ק מוהרא"ש זי"ע, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 79 (688)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, דָאס פָּאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, אָבֶער מֹשֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וֶוער עֶס לִיגְט אִין גַשְׁמִיּוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ בַּארֶעכְנְט עֶר זִיךְ אֵיין טָאג אוּן עֶר מַאכְט אָפּ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז דֶער מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, וואוּ אִיז עֶר גֶעוֶועןבִּיז יֶעצְט? אוּן מַאכְט אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ אָבֶער יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִים דִינֶען, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעָה, אוּן וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט אַרַיין אִין דִי מְנִיעָה, זוּכְנְדִיג 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי מְנִיעָה, וֶוער מַאכְט מִיר דָאס שְׁוֶועריְקַייט?' אוּן עֶר טְרֶעפְט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט. וֶוער עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן פוּן זַיין מְנִיעָה, פוּן זַיין טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, דָאס פָּאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, דָאס הֵייסְט, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ נֶעפְּל, מְנִיעוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי גֶעבְּן גְלַייךְ אוֹיף, "עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען", וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, אָבֶער מֹשֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס הֵייסְט, דֶער צַדִּיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה, אֲפִילוּ עֶר זֶעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריְקַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז אִין דִי מְנִיעָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בַּיי קִינְדֶער אִיז דָא אַ שְׁפִּיל וָואס מֶען רוּפְט "הֵייס קַאלְט", דֶער שְׁפִּיל גֵייט אַזוֹי, אֵיינֶער נֶעמְט אַ זַאךְ אוּן בְּשָׁעַת אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶעעֶן נִישְׁט לֵייגְט עֶר עֶס אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ, דֶערְנָאךְ הֵייבְּן אַלֶע אָן עֶס זוּכְן, אָבֶער מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וואוּ צוּ זוּכְן, גֵייט דֶער שְׁפִּיל, אַז דֶער בַּאהַאלְטֶער גֶעבְּט סִימָנִים, אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג זָאגְט עֶר: "קַאלְט", וֶוען מֶען קוּמְט נֶענְטֶער זָאגְט עֶר: "הֵייס", אוּן וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין גָאר נָאנְט זָאגְט עֶר: "קָאכֶעדִיג". הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לִימּוּד וָואס מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער גָאר שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז "קָאכֶעדִיג", עֶס אִיז אִים שְׁרֶעקְלִיךְ הֵייס אִין לֶעבְּן, עֶר גֵייט אַרִיבֶּער קָאכֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', דַארְף עֶר ווִיסְן, 'קָאכֶעדִיג' מֵיינְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דֶער יְשׁוּעָה, דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט נֶעבְּן דַיין יְשׁוּעָה, עֶפְן אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא בַּיי דִיר, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְטְלוֹיף נִישְׁט וֶוען דוּ זֶעסְט אַ וָואלְקְן, אֱמֶת אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, אָבֶער פַאר יֶעדְן אִיז שְׁוֶוער מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיז עֶס עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל מִיט דִי וַוייבּ, אַמָאל מִיט דִי קִינְדֶער, אַמָאל מִיט דִי בִּיזְנֶעס, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרִיבֶּער מִיט דִי אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת הַיֵּצֶר, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין מַיינֶע מְנִיעוֹת, אִין מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריְקַייטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ וֶוערְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער וָואס הֵייסְט דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייזְן, נֶעם צְוֵויי פַּאפִּירְן קְלֶעבּ עֶס צוּזַאם מִיט קְלֶעבּ, יֶעצְט אַז דוּ ווִילְסְט עֶס צוּרִיק צֶעטֵיילְן קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּטֵיילְן גְלַאטֶערְהֵייט, נָאר אֵיין פַּאפִּיר וֶועט זִיךְ מִיט שְׁלֶעפְּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע פַּאפִּיר, דָאס אִיז דֶער 'דְבֵיקוּת' אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר רַייסְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ, עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין אַ נִסָּיוֹן, שְׁלֶעפְּט עֶר מִיט אַ שְׁטִיקְל, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁרֵייט פוּן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם נִסָּיוֹן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי וַוייטֶער גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת".

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, יִתְרוֹ תשפ"ב)

## עֶטְלִיכֶע שְׁטְרִיכְן אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאט אֵיינֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט עֶטְלִיכֶע פְרַאגֶעס אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ, פָאלְגֶנְד לֵיינְט גֶעצֵיילְטֶע אוֹיסְצוּגְן פוּנֶעם עֶנְטְפֶער פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, גָאר שֵׁיין אוּן בַּאלֶערְנְד:

**וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְקַבֵּל גֶעוֶועןפוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ?**

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע, וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועןפוּן מוֹהֲרָא"שׁ בַּחַיִּים חַיּוּתוֹ; עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוו אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן דְרֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ;
<<<<<<

## א גוט ווארט

הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי בְּרִיוו, דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק - אַזַא אֵיינֶער פַאלְט נִישְׁט, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים, דִי בְּרִיוו אוּן קוּנְטְרֵסִים, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם - אַזַא אֵיינֶער קֶען אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

זַיי קְלוּג, הוֹיבּ צוּרִיק אָן דַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן קֵיין הֲבָנָה, אוּן טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד' וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד'. 'טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'' - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען ווִי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד' וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיּוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ג)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אֵיין קְלֵיינֶע בַּקָשָׁה, הֱיוֹת אִיר גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר, אִיר נֶעמְט צוּזַאם פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אוּן פוּן אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, זָאלְט אִיר אַרַיינְדְרוּקְן דִי פָּאר שׁוּרוֹת:

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס; דָאס מֵיינְט עֶס וֶועט זַיין אַסַאךְ כִּיתּוֹת אִין בְּרֶסְלֶב, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט גֵיין דָארְט וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים, דָארְט וואוּ עֶר קֶען שֶׁעפְּן חַיוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דֶערִיבֶּער זֶעעֶן מִיר וִויפִיל כִּתּוֹת עֶס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב בִּכְלַל אוּן יֶעצְט אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בִּפְרַט, אָבֶּער מִיר מוּזְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הֶערְט אוֹיף זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן, לָאזְט אָפּ דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְז, לָאמִיר זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אִיר גֶעדֶענְקְט דָאךְ אַלֶע אִין אוּמַאן דִי פֵייעֶרְדִיגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשׁוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַרְאֶה נוֹרָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בֵּיי מוֹהֲרָא"שׁ; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ צֶען יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ו - וָואס אִיז גֶעוֶועזְן מַיין עֶרְשְׁטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ הֶערְן קֵיין לַאנְגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר הָאט מוֹהֲרָא"ש נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין דְרָשָׁה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזְן, חוּץ צְוֵויי מָאל הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט פַאר בְּלוֹיז צְוֵויי מִינוּט, אָבֶּער מִיט אַזַא גֶעוֵויין... וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאר פוּן דֶעם וֵויין אִיךְ.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ רֶעדְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, וֶוער עֶס הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בֶּעט אִיךְ אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ" - מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵויינְט, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין רֵיינֶע הַארְץ: "אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע ד' אַמוֹת אָן קֵיין מַחְלוֹקֶת, אָן קֵיין שִׂנְאָה אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן", יֶעדֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין שׁוּל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש ווִיל בֶּאֱמֶת, ווִי עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אַזוֹי ווִי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן הִסְתַּלְקוּת, פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: "אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט".

דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אִיךְ ווִיל וַוייזְן פַאר מוֹהֲרָא"ש: "רְאֵה בָּנַי שֶׁגִּדַּלְתִּי", קוּק ווִי מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע ד' אַמוֹת, מִיר קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט; מֶען זוּכְט נָאר דָאס גוּטְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

(עַצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשפ"ב)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

נא. תְּפִלָּה שֶׁהִיא בִּדְמָעוֹת הִיא נִתְקַבֶּלֶת. וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן, וֶוערְט דִי תְּפִלָּה אָנְגֶענוּמֶען.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דְרֵיי ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶרְשְׁטְנְס אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים אָנְהוֹיבּ וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען; מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלֹא הֲבָנָה כְּלַל. מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט; אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיז גוּט, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען וַוייטֶער גֵיין, וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן; מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

צְוֵוייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; ווִי דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְנְס וֶוען מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, דָאס אִיז בֵּיי מִיר גֶעוֶועזְן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש.

אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן אֱמוּנָה, אַלֶע וֵוייסְן פוּן תְּפִילָּה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען בֵּיי מוֹהֲרָא"ש; קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

דְרִיטְנְס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. אֵיידֶער מַיין הִתְקַרְבוּת הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט ווִי אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנֶה'ן מִיט אִיר; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל מֶער פוּן אַנְדֶערֶע; מוֹהֲרָא"ש הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם סְפָרִים אָן אַ שִׁיעוּר אוּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע פַארְשְׁמִירְטֶע מוֹחוֹת, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אוּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גָארְנִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל גֶעזָאגְט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ' פַאר צֶען יָאר יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי נָאכְן שִׁיעוּר אַרַיינְצוּגֵיין צוּ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶל הַקוֹדֶשׁ פְּנִימָה, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר לֶענְגֶער ווִי מִיט אַנְדֶערֶע, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר אַסַאךְ מָאל אַ שָׁעָה אָדֶער מֶער; דִי חֲבֵרִים פְלֶעגְן מִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט? וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט?" אִיךְ פְלֶעג זֵיי זָאגְן: "מוֹהֲרָא"ש הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס סוֹדוֹת וָואס נָאר אִיךְ מֶעג ווִיסְן אוּן אַנְדֶערֶע נִישְׁט, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיט מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו"; זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ פִירְן אַ יְשִׁיבָה, אַ חֵדֶר, אַ בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת, ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אִינְגֶעלַייט וְכוּ', פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אַסַאךְ מָאל אִיז גֶעוֶועזְן פְּרָטִיוּת'דִיגֶע שְׁאֵלוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אָדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי מַחֲלוֹקוֹת וָואס אִיז גֶעוֶועזְן קֶעגְן מִיר; אַלֶעס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים וֶועט אַלֶעס זֶען.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם סֵפֶר מְגִילַּת סְתָרִים (סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַדִיק, סִימָן תרח) דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין זוּן, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַלֶע פְרֶעגְן 'פַארְוָואס הָאט דָאס מוֹהֲרָא"ש אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר קֶען זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס וֶועט זַיין דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אָמֵן וְאָמֵן.

**עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת אוּן אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?**

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט,

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וָואס זֶענֶען אָבֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת אוּן אֵייגְנאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַלְס פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט; מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם פַאר מִיר אַלֵיינְס, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ סְפָרִים צִימֶער, לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דְבֵיקוּת"; דָאס וֵוייסְטוּ, אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט סְפָרִים, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע תַּאֲווֹת, מַיין תַּאֲוָה אִיז סְפָרִים"; יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיס לְאוֹר עוֹלָם הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט מֶענְטְשְׁן פַאר דֶעם, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנֶה צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין דִי סְפָרִים גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיפְזוּכְן פַאר אִים נֵייעֶ סְפָרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט פַארְשְׁפַּארְן זַיין טִיר אוּן זַיין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶער אַנְדֶערְשׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וַוייזְן דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלָאטֶע צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת ד.): "וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם", מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט צוּ מְטַהֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; עַד הַיּוֹם וֶועסְטוּ הֶערְן מֶענְטְשְׁן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, עֶר הָאט סַךְ הַכֹּל גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן נוֹשְׂאִים וָואס קֵיינֶער וִויל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְן זֵיי נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז זֵיי זֶענֶען דֶערְנָאךְ, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה; אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים: "הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ" - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אָן.

עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַארְלוֹירְן, צֶעבְּרָאכְן, אַלֵיינְס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶר צַעַר וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן זֶעט זֵייעֶר הַארְץ, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, זֵיי ווִילְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אָבֶער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, זֵיי זֶענֶען אָבֶער נִישְׁט שׁוּלְדִיג; צוּ זֵיי אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים אוּן דָאס גֶעשְׁרִיבְּן, וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט עֶר זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, עֶר וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, עֶר וֶועט טַעֲנֶה'ן פַאר דִי אַלֶע וָואס מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר וֶועט זָאגְן פַאר דִי מְקַטְרִיגִים זֵיי זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען זַיין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; ווִילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה.

>>>>>>

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מוֹהֲרָא"ש זי"ע הָאט גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מֵיינְט בַּיי דִיר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? צוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּקְן בַּיי יֶענֶעם אִין שְׁטוּבּ זֶען וָואס יֶענֶער טוּט, וָואס יֶענֶער עֶסְט פַאר נַאכְטְמָאל - דָאס מֵיינְט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? צוּ וִויסְן וָואס פַאר אַ פְרִישְׁטָאג יֶענֶער עֶסְט - דָאס מֵיינְסְטוּ אִיז רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? וֶוען מֶען הֶערְט אוּן מֶען לֵיינְט אוֹיף צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָואס טְרַאכְסְטוּ? וָואס אִיז דָאס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? דִי צַדִיקִים זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן הָאבְּן אַזוֹי וִוי אַ סֶעטֶעלַייט קַאמֶערֶע צוּ וִויסְן וָואס יֶענֶער עֶסְט? וָואס יֶענֶער טוּט?

רוּחַ הַקוֹדֶשׁ מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען וֵוייסְט עֲתִידוֹת, אַז מֶען וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין; רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין מוֹיל - עֶר רֶעדְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קֵיין שֶׁקֶר, עֶר זָאגְט נִישְׁט קֵיין לִיגְנְט; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין נָאז - עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיינֶע אוֹיעֶרְן - דָאס מֵיינְט עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גְלֵייבְּט אַלֶעס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן; אוּן עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס - וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ שֶׁפַע אֱלוֹקִי, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): "רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הוּא שֶׁפַע אֱלֹקִי", צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי זִיבְּן נֵרוֹת - דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, "שֶׁעַל יָדָם", דוּרְךְ דֶעם: "הָאָדָם מַשִּׂיג פְּנֵי הַמְּנוֹרָה, הַיְנוּ סֻכָּה", רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן סוּכָּה, אַזוֹי וִוי אִין אַ סוּכָּה אִיז מֶען אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט דִי סְכַךְ, דֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ סוּכָּה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי", דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ", מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן זַאכְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. מוֹהֲרָא"ש הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּנֶעם טָאג פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן יֶענֶע וָואךְ, זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, לֶערְנֶען זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא אוּן עֶנְדִיגְן דִי מֶדְרָשׁ פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ - אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. וַוייל דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה; דוּרְךְ דִי פִיר לִימוּדִים אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי פִיר וֶועלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ".

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. קוֹדֶם נֶעם דִי עֵצָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין. לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ, זוּנְטָאג לֶערְן בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג - בִּיז שְׁלִישִׁי, בִּיז סוֹף וָואךְ. הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן הֵייבּ אָן שַׁ"ס; לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא, בִּיז סוֹף יָאר וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוֹיךְ לֶערְן מֶדְרָשׁ - וֶועסְטוּ זֶען צוּ וָואס דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין, צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַּאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַּארְשְׁפְּרֵייט דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּרְךְ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

פְּרֶעגְט נִישְׁט; מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט; עַד הַיוֹם שְׁפֶּעט מֶען פוּן דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב וָואס זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע דָאס צוּ טוּן, דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט מוֹהֲרָא"ש'ס אֵייגֶענֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קוּק אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו בַּאֲרִיכוּת, וואוּ עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵילָא יָבִין, וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם לֹא יָבִין אַחַר כָּךְ מַה בְּכָךְ? וְכוּ'" זֵיי הָאבְן אָפְּגֶע'חוֹזֶק'ט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד בֵּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בֵּיי אוּנְז: "הוֹיבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת", "הוֹיבְּט אָן זָאגְן גְמָרָא", "זוּכְט נִישְׁט צוּ פַּארְשְׁטֵיין, בַּיים סוֹף וֶועט אִיר פַּארְשְׁטֵיין", עֶס הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּקְן וִוי אֵיינֶער בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, אַזוֹי פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז בֶּעטְן; עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע טוֹבָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז פְּרֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע פְּרַאגֶע (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, א): "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָרִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִקְרָא וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָׁנִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַאכְן פוּן דִי וֶועלְט; דֶער צַדִיק הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז, עֶר טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט פְּרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט?' וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה, וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי שַׁאנְד; מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט וִויסְן וואוּ אַהִין צוּ טוּן.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים דָאס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן אוּן אַלֶעס קוּמְט צוּרִיק צוּם זֶעלְבְּן מְכֻוָן, אַלֶע בְּרִיוו עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אֵיין עֵצָה: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן"; נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוער דוּ בִּיסְט, וָואס דוּ טוּסְט, וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - דֶערְצֵייל אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דְבֵיקוּת בַּשֵּׁם.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אַ חַיִים טוֹבִים, זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט עֶלְטֶערְן, וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְן דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע בְּרֶעקֶעלֶע הַשָׂגָה וָואס מִיר קֶענֶען זָאגְן, וָואס מִיר פַּארְשְׁטֵייעֶן אוּן מִיר זֶעעֶן - וָואס דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# סעודת הילולת מוהרא"ש זי"ע דעם מוצש"ק אין ראלי האטעל

אנשי שלומינו גרייטן זיך מיט גרויס התרגשות צום יומא דהילולא קדישא פון אונזער גרויסן רבי'ן מוהרא"ש זי"ע, דער גרויסער צדיק וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר אונז איבער פופציג יאר, ער האט בוכשטעבליך אוועקגעגעבן אלעס פון זיך כדי אז מיר זאלן היינט וויסן פונעם הייליגן רבי'ן און פון זיינע זיסע עצות, וואס דאס האלט אונז אינעם שווערן גלות.

ווי באשטימט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וועט דער מעמד אפגעראכטן ווערן דורך די הנהלת "קרן הדפסה היכל הקודש", וואס געבט זיך אוועק במשך די גאנצע יאר, אז די פלאג און מיה פונעם גרויסן צדיק זאל נישט זיין חס ושלום לריק, און פארשפרייט אויף אלע מיני אופנים די הייליגע ספרים און לימודים פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים אויף די וועג וואס מוהרא"ש זי"ע האט עס אראפ געשטעלט.

די מסיבה וועט אפגעראכטן ווערן אינעם פראכטפולן עידזש.סי.עס. רעזארט זאל (ראלי האטעל) אין סאוט פאלסבורג אויף די בערג, אלע אנשי שלומינו זענען געלאדענט מיט די משפחות, מען וועט זיך וואשן לכבוד מלוה מלכה און לכבוד דער סעודת הילולא אום 8:30. עסווארט אפ א הערליכע געשמאקע פראגראם וואס לוינט נישט צו פארפאסן. א שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן פאר אלע באטייליגטע. דער יושב ראש פונעם מסיבה וועט זיין דער אלעמען באקאנטער מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו וואס וועט מיט זיין געשמאקע שפראך מהנה זיין דעם ציבור. א גאר אינהאלטספולע לייוו שמועס וועט אפגהאלטן ווערן צווישן מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו, גבאי ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק, מיט הרה"ח מו"ה שאול חיים אייזנהארן שליט"א פון די לאנג יעריגע תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע וואס וועט איבערגעבן גאר אינטערעסאנטע עובדות און אנעקדאטן וואס ער האט מיטגעהאלטן בשעת ער האט זוכה געווען צו באדינען מוהרא"ש זי"ע אלס גבאי אין בית המדרש. מו"ה לייבי ראטה הי"ו דער גבאי פונעם מוסד וועט איבערגעבן גאר אינטערעסאנטע פרטים סודות פון חדר וואס עס טוט זיך אפ צווישן די ווענט פונעם בית הדפוס. א ספעציעלע גאסט רעדנער מו"ה אפרים ענגליש הי"ו וועט פארציילן זיין רירענדע סיפור התקרבות וואס וועט זיכער איבערלאזן א שטארקע רושם אויף אלע צוהערער. אזוי אויך וועט פארטיילט ווערן שיינע פרסים פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען מיט שיינע סכומים צו דרוקן די ספרים במשך דעם יאר. דער הויכפונקט פונעם מעמד וועט זיין די דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס וועט איבערגעבן די משא המעמד ווי ער וועט פארטיילן פון די גרויסע ירושה וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט וואס מיר קענען מיטנעמען מיט זיך אהיים צו טראגן.

מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען זיך האלטן זייער שטארק צייטליך און בענטשן אום 11:15, כדי נישט אויפצוהאלטן אנשי שלומינו אין די שפעטע נאכט שעה'ן, בפרט ווען פילע אנשי שלומינו וואס וואוינען אין די שטאט דארפן נאך אהיימפארן א לאנגע וועג.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **אהרן** נ"י עב"ג בת
מו"ה **משה פעלדמאן** הי"ו מאנסי
***
מו"ה **יצחק אפפעלבוים** הי"ו לעיקוואוד
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **חיים ישראל** נ"י עב"ג בת
מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג
***
מו"ה **נפתלי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **משה יצחק** נ"י עב"ג
***
מו"ה **יואל שעכטער** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **שמעון סאלמאנאוויטש** הי"ו צפת
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## הילולת מוהרא"ש

**דרשות ביי די הילולא פון מוהרא"ש זי"ע. ווי אזוי קענען מיר היינט אויך זיין תלמידים פון מוהרא"ש און גיין אין זיינע וועגן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 3, 8**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >